# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

פ' ויצא - גליון כ"ג

## כהרף עין...

איך האב אמאל באמערקט אין בית המדרש, א אנגעזעהנער איד וועלכע האט זיכער נישט באגריפן די הארבקייט דערפון, אבער איך האב איהם געזעהן מיט אן אפענעם סעלפאן אינמיטן קריאת שמע. דאס איז געליגן אזוי פארנט פון איהם אויפן טיש און ער שפילט זיך דערמיט מיט די ציצית צווישן די פינגער. איך בין געבליבן שטיין ערשטוינט און דערציטערט. וויאזוי קען מען אזאנס טאן אינמיטן קריאת שמע, ער איז דאך מבזה די שכינה הקדושה, קריאת שמע איז דאך קבלת עול מלכות שמים איז וויאזוי דערוואגט מען זיך צו פארשעמען דעם באשעפער אויף אזא נידעריגע אופן.

משל למה הדבר דומה, צו איינער וואס זיצט ביי א מיטינג מיט א חשובע שר, לטובת זיינע געשעפטן, און אינמיטן רעדן נעמט ער ארויס די טעלפאן און הייבט אהן רעדן צו א צווייטן, אוי לאותה בושה וכלימה.

נאכן דאווענען בין איך צוגעגאנגען צו דעם איד און איהם אנגעהויבן מעורר זיין איבער די הארבקייט דערפון, און איך האב איהם אראפגעלייגט די גרויסע עונשים וואס ווערט געברענגט אין די ספרי קודש וואס ער ערווארט איינעם וואס רעדט ביים דאווענען. און פון די אנדערע זייט, די פילע ישועות ורפואות וואס עס האבן געזעהן די אלע וועלכע האבן אויף זיך מקבל געווען נישט ארויסצונעמען די טעלפאון פון טאש ביים דאווענען, זאל זיין וואס זאל זיין.

דער איד האט מיך דאן געפרעגט מיט א תמימות צו דאס ארבעט תיכף ומיד און מען זעהט די ישועות און די נסים גלייך. האב איך איהם געזאגט 'דו ווילסט אויספרובירן הקדוש ברוך הוא?. זאגט מיר יענער 'יא'.

האב איך אהים געזאגט נעם דיר אונטער א פעסטע קבלה אז די פארמאכסט אינגאנצן דעם טעלפאן בשעת'ן דאווענען, און דו וועסט נישט האבן קיין שייכות דערמיט פון אנפאנג דאווענען ביזן סוף. יענער האט איינגעשטימט.

צומארנגס ווען איך בין געקומען אין ביהמ"ד, און יענער האט מיר נאר געזעהן פון דערווייטנס צו מיר צוגעלאפן און ער שרייט אויס צו מיר 'פלאי פלאים! געב א קוק ווי גרויס די כח פון די קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען. ווי נאר אויך בין ארויס פון בית המדרש האט מיר א חבר אריינגעקלינגען און אנגעטראגן א גוט געשעפט מיט א פעטע פארדינסט. א ישועה גדולה תיכף ומיד'.

(פניני חיזוק - מפי המזכה הרבים הגדול בנושא "מורא מקדש" הרה"ג רבי מיכאל גרינוואלד שליט"א)

## בין איך דען א פלאמבער?...

אנגעפולט מיט התרגשות און האפענונג, האבן זיך - הרה"ג רבי מאיר מיכאל גרינוואלד שליט"א און זיין ברודער - אריינגעזעצט אין קאר, פארנדיג קיין צפת.

וואס אין היינט צפת?

עס איז א גרויסער טאג היינט, די יארצייט פונעם הייליגען באקאנטן רבי לייב בעל היסורים זי"ע, ווי פולע הונדערטער אידן קומען אן יעדעס יאר אין טאג פון די יומא דהילולא צום הייליגען ציון, און גיסן זיך אויס דאס הארץ פאר'ן בוכ"ע, ווער פאר א רפואה, ווער פאר א ישועה, בגשמיות צו ברוחניות, און ווער סתם פון גרויס ענגשאפט און פארקלעמט הארץ. דאס פלאץ איז דאך באקאנט פאר א מקום להיפקד בדבר ישועה ורחמים, ווי טויזענטער זענען שוין געהאלפן געווארן מיט אויסערגעווענליכע ישועות. פארנדיג אויפן וועג, די געדאנקען פליען, צוזאמען מיט די בערג, וועלכע באווייזן זיך אויפן האריזאנט, מען דארף דאך אזויפיל בעטן היינטיגע צייטן, מען ווייסט דאך גארנישט אפילו ווי אנצוהויבן, אוי! מען דארף דאך אזויפיל רחמים יעדע מינוט, וויפיל אידן נעבעך ליגן אין די שפיטעלער.

א גרולצנדער קלונג פונעם טעלעפאן האט איבערגעהאקט די געדאנקען, רבי מאיר מיכאל'ס ברודער'ס טעלעפאן האט זיך צוקלונגען, אויפן אנדערן זייט ליין האט זיך געהערט די שטימע פון ר' מנחם ק. - א נאנטער ידיד פון זייביידע - ער בעט צו ער קען רעדן צו רבי מאיר מיכאל. רבי מאיר מיכאל נעמט איבער דעם טעלעפאן. "א גוטן ר' מנחם, וואס קען איך אייך העלפן? אבער קודם - סתם פאר אינטערעסאנקייט - וואס עפעס זוכט איר מיר אויף מיין ברודער'ס טעלעפאן? איר האט דאך מיין נומער אויכעט?". "אה! איך ווייס אליין נישט. ס'האט זיך מיר עפעס סתם אזוי."

"נו! גוט! ס"מאכט נישט אויס, וואס האט איר געוואלט"?

"ס'איז אזוי, דא נעבן מיר זיצט א איד מיטן נאמען ר' חיים ב. פון פתח תקוה, זיין טאטע איז ל"ע זייער קראנק, ער האט א ערנסטע מחלה אין זיין לעבער ה"י, און ער האט מיר געבעטן איך זאל מיך פארבונדען מיט אייך, ווייל ער האט געהערט אין אייער נאמען, אז איר פארציילט עפעס גאר וואונדערליכע מעשיות אויף מענטשן וואס האבן געליטן פון די ביטערע מחלה אויף די לעבער, און נאכן מקבל זיין אויף זיך נישט צו רעדן אין בית המדרש ביים דאווענען, האבן זיי געזעהן ישועות שלא כדרך הטבע, און זענען ממש וואונדערליך גענצליך אויסגעהיילט געווארן, וויל ער וויסן מער איינצלהייטן דערוועגן". איך געב אים איבער דעם טעלעפאן.

דער איד הייבט אן צו רעדן מיט א צובראכענע שטימע: "מיין טאטע זאל זיין געזונט, ליידט ליידער שרעקליך פון א שווערע קראנקהייט אויף די לעבער, און אזוי ווי איך האב געהערט אז איר האט וואונדערליכע מעשיות פון אידן וואס האבן געזעהן גרויסע ישועות, וואלט איך געוואלט בעטן פון אייך, אויב איר קענט מיר עפעס פארציילן דערוועגן".

"זיכער! איך וועל אייך גערן פארציילן, אבער קודם לאמיר איך אנטפלעקן א סוד".

"א סוד? וועלכער סוד?" פרעגט ער פול מיט האפענונג, אז אין דעם סוד ליגט דער געהיימניס צו זיין טאטנ'ס רפואה.

"דער סוד איז, אז אין דעם בית המדרש וואו דיין טאטע דאווענט, זענען אלע פייפס (רערן) פארשטאפט"!...

"פייפס"?! -פרעגט ר' חיים, האלב מיט צומישעניש, האלב מיט אויפברויז "וואס האט דאס מיט מיין טאטעס מחלה אין די לעבער"?!...

"יא" -חזר'ט רבי מאיר מיכאל איבער- "אלע פייפס דארטן זענען פארשטאפט"!...

"איך פארשטיי אינגאנצן נישט וואס איר ווילט? איך זעלבסט דאווען דארטן גאנץ אפט, און אלע

פייפס זענען אינגאנצן אינארדענונג, און אפילו אויב יא, וואס האט עס מיט מיר? בין איך דען א פלאמבער"? האט זיך זיין שטימע שוין געהערט מיט א היבש ביסל פארדרוס.

"איך וועל אייך מסביר זיין" -האט רבי מאיר מיכאל אים געענטפערט מיט א ווייכע שטימע- "די הייליגע חכמינו ז"ל זאגן אונז אין מסכת ברכות, "אימתי עת רצון בשעה שהציבור מתפללין - ווען איז א עת רצון אויבן אין הימל אז אידישע תפלות זאלן נתקבל ווערן, בשעת אידן קומען זיך צוזאם אין בית מדרש דאווענען". 'רצון' איז די אותיות "צנור' =רער (פייפ), און דורך די רערן גייען אדורך די אידישע תפלות ארויף אויבן אין הימל, און דערנאך קומט דורך זייצוריק אראפ אלע השפעות טובות, רפואות, ישועות, א.א.וו. און אויב רעדט מען דעמאלס ביים דאווענען, ווערן דורך די רייד די רערן פארשטאפט, חס ושלום, און דאס טוט אפהאלטן די תפלות פון ארויפגיין צום כסא הכבוד, און די השפעות פון אראפצוקומען. ממילא קומט אויס אז דער וואס רעדט ביים דאווענען, איז א מזיק סיי פאר זיך און סיי פאר אנדערע.

נאכמער, די גמרא אנהויב מסכת בבא קמא רעכנט אויס די פיר אבות נזיקין, איינס פון זיי איז "מבעה". מבעה איז טאקע די ראשי תיבות, מ"דבר ב"זמן ע'ת ה'תפלה".

ווי נאר רבי מאיר מיכאל האט פארענדיגט זיינע רייד צוקלונגט זיך זיין פערזענליכע טעלעפאן (ער האט דאך ביז יעצט גערעדט אויף זיין ברודער'ס טעלעפאן). אויפן סקרין באווייזט זיך א נומבער פון חוץ לארץ. רבי מאיר מיכאל בעט ר' חיים'ן צו צוווארטן א מינוט, און הייבט אויף זיין טעלעפאן. "האלוי! איז דאס הרב גרינוואלד, וואס רעדט כסדר וועגן דעם ענין פון נישט רעדן ביים דאווענען"? הערט זיך די שטימע פון די אנדערע זייט, פול מיט התרגשות.

"דא רעדט נחום ש. פון לאנדאן, איר מוזט מיר אויסהערן אפאר מינוט, איך מוז איך פארציילן...".

"וואס איז געשעהן מיט אייך"? - שרייט ר' חיים ארויס פון מיין ברודער'ס טעלעפאן -"איז אלעס אין ארדענונג מיט אייך דארטן"?..

"מיין פריינד"!-ענטפערט אים רבי מאיר מיכאל- "ביטע בלייבט'ס אויפן ליין, איך האב א קאל פון חוץ לארץ, און מיין הארץ זאגט מיר אז ס'איז גוט אז איר זאלט מיטהאלטן דעם געשפרעך".

רבי מאיר מיכאל האט אנגעצונדעןביידע טעלעפאנ'ס אויף ספיקער, כדי ר' חיים זאל קענען מיטהאלטן. פון זיין ערפארונג, בסייעתא דשמיא, האט ער פארשטאנען, אז עפעס גרויס גייט דא פארקומען. און ר' נחום הייבט אן צו פארציילן: "פאר צוויי יאר צוריק האט מען ל"ע אנטדעקט ביי איינעם פון מיין פאמיליע די ביטערע מחלה אין די לעבער ל"ע. איך האב מיך געוואלט פארנעמען א קבלה טובה לזכותו. אינאמת'ען רעד איך שוין נישט ביים דאווענען שוין פאר זיבן יאר, זייט איך האב דעמאלס געהערט א גאר ווארעמע דרשה פון אייך, פון וואס איך בין שטארק נתעורר געווארן. אבער יעצט צוליב דעם מצב פון מיין פאמיליע מיטגליד, האב איך מיך פארגענומען מוסיף צו זיין מיט נאך א קבלה, אז איך וועל בכלל נישט רעדן אין היכל בית המדרש! אפילו נישט בשעת'ן דאווענען".

"צוויי וואכן דערויף רופט מיך אן דער דאקטאר איבערצוגעבן א לעצטערן באריכט; האלב פון די לעבער איז פארגיפטעט ל"ע, דער מצב איז קריטיש, און מען דארף באלד אפערירן, און אפילו מיט אן אפעראציע איז אויכעט דא שוואכע אויסזיכטן, אבער אן דעם, איז זיכער אז ער וועט עס נישט איבערלעבן".

"איך האב פארשטייט זיך נישט געהאט קיין צוויי ברירות, און מיט א שווער הארץ, האב איך געגעבן מיין הסכמה דערויף".

"צוויי וואכן זענען אריבער, נאכן אפעראציע, איך האב געווארט אויף די טעסטן וועלכע האבן געדארפט צוריקקומען מיט א פלאטערנדע הארץ. און ב"ה דער אויבערשטער האט געהאלפן, עס איז צוריקגעקומען מיט גאר גוטע רעזולטאטן. די טעסטן האבן געוויזן אז די אנדערע האלב לעבער איז נישט אינפעקטירט געווארן, און איז געבליבן אינגאנצן ריין! מיין משפחה מיטגליד איז אויסגעהיילט געווארן מיט א רפואה שלימה" !!!.

"נאך א קורצע צייט האט ער זיך שוין באוויזן אין ביהמ"ד, און מיטגעהאלטן דאס דאווענען, די שיעורי תורה, בקיצור, א געזונטער מענטש, כאחד האדם".

"צענדליגער אינגעלייט וועלכע האבן מיטגעהאלטן דעם גאנצן פרשה, און אויך מיין פרישע קבלה, און די גאנצע רפואה, זענען ממש גערירט געווארן ביז גאר, און האבן זיך אויך פארגענומען פארשידענע קבלות טובות אויפן ענין פון כבוד ביהמ"ד, יעדער לויט זיין מדריגה, און דער קידוש השם איז געווען גאר גרויס"!.

"עס אריבער קוים צוויי יאר, עס איז געווען פאר ראש השנה, און מיין משפחה מיטגליד האט זיך אנגעהויבן ווידער עפעס נישט גוט צו שפירן, פארדעכטיגטערהייט איז ער באלד אריין אין שפיטאל, וואו מען האט באלד געמאכט די נויטיגע טעסטן, און עס האט זיך ליידער ארויסגעשטעלט אז די מחלה איז צוריק דא ל"ע".

"עס איז געווען א שאק פאר אונז אלע"! דער מצב האט זיך פארערגערט פון טאג צו טאג. ערב ראש השנה האט מען זיך פארבינדען צו מיר פון שפיטאל, און מיר מודיע געווען אז דער מצב איז זייער שמאל, און אויב איך וויל מיך נאך געזעגענען פון אים, זאל איך שוין אריבערקומען".

"אנשטאט צו גיין אין שפיטאל, בין איך געגאנגען - בעסער געזאגט; געפלויגן - אין בית המדרש אריין. יא, אין דעם ביהמ"ד וואו איך, און פולע אנדערע אידן, האבן זיך מקבל געווען נישט צו רעדן ביים דאווענען אין זכות פונעם קראנקן. איך בין באלד צוגעלאפן צום ארון הקודש, געפענט די טירן, און אויסגעפלאצט אין א אויפטרייסעלנדן געוויין, מיין גאנצער קערפער האט געציטערט ווי פון פיבער, און איך האב אנגעהויבן צו בעטן ביים אויבערשטען: "רבונו של עולם, אין דעם ביהמ"ד האבן אזויפיל אידן זיך פארגענומען נישט צו רעדן ביים דאווענען, אין זכות פונעם קראנקן, און איך האב אפילו אין היכל הביהמ"ד נישט גערעדט קיין שום דברים בטלים, אפילו עס איז מיר אנגעקומען זייער שווער, און דורך דעם איז ארויסגעקומען א גרויסער קידוש השם, און יעצט, טאמער חס ושלום, וועט דער קראנקער גיין פון דער וועלט, מה יאמרו הבריות? וואס וועלן מענטשן זאגן? "אה! זעסטו וואו דו ביסט אנגעקומען מיט דיינע אלע קבלות טובות"?! עס קען דאך ארויסקומען א גרויסער חילול השם, רבוש"ע!, עשה למען שמך הגדול! עשה למען דעם זכות פון די אלע קבלות טובות ! און שיק א ישועה פארן קראנקן שלא כדרך הטבע".

"איך האב פארענדיגט מיין תפלה, פארמאכט דעם ארון הקודש, און זיך שנעל אהיימגעיאגט זיך צוגרייטן צום יום הדין. עס איז שוין געווען זייער שפעט, ס'איז שוין נישט געווען קיין מעגליכקייט צוצופארן צום שפיטאל".

עס גייט נישט אריבער קיין צען מינוט, עס איז שוין געווען ממש אפאר מינוט פארן זמן, מיין טעלעפאן צוקלינגט זיך. דער דאקטאר איז געווען אויפן ליין: "איך ווייס נישט וואס. פארוואס. אבער, עס זעהט זיך קלאר אן א לייכטע פארבעסערונג ביים מצב פון חולה. לאמיר האפן צום בעסטן"!...

"דער יו"ט איז אריבער אויף מיר פול מיט אנגסט, אבער אויך פול מיט האפענונג. באלד נאך יו"ט האב איך זיך פארבונדען צום שפיטאל, ווי מען האט מיר איבערגעגעבן א פולן באריכט פונעם יו"ט; דעם ערשטן טאג יו"ט האט ער געפענט די אויגן. און אין דעם צווייטן טאג האט ער שוין געבעטן וואסער"!... מען האט באלד אנגעהויבן די נויטיגע באהאנדלונגען, וועלכע האבן ב"ה באלד געווירקט אויפן חולה, און איבעריג צו זאגן אז נאך א שטיק צייט האט ער זיך שוין געפונען אינדרויסן פון שפיטאל, פולקאם געזונט"!.

ר' נחום פארענדיגט צו פארציילן זיין געשיכטע פול מיט התרגשות, און ער לייגט באלד צו: "און דעריבער האב מיך פארבינדן מיט אייך, ווייל איך האב געפילט אז איך מוז איך מיטטיילן מיט דעם איבערלעבעניש, וויבאלד איר האט דאך געהאט א גרויסן טייל אין דעם".

רבי מאיר מיכאל איז געבליבן זיצן געפלעפט! אזא השגחה פרטית! עס האט אים גענומען א מינוט זיך צו ארענטעירן, אז ער האט ר' חיים'ן אויפן אנדערן טעלעפאן. אבער באלד ווי ער איז געקומען צו זיך, האט ער אריינגעשריגען אין זיין ברודער'ס טעלעפאן צו אים:

"ר' חיים ! איר הערט? לויפט שנעל, ברענגטס אריבער א פלומבער צו אייער טאטנ'ס ביהמ"ד, מ'זאל פארריכטן די רערן! מ'זאל אויפהערן צו רעדן דארטן אינמיטן דאווענען! און בזכות דעם וועט אייער טאטע האבן א רפואה שלימה".

געהערט פון הרה"ג רבי מאיר מיכאל גרינוואלד שליט"א.

(גליון קדושת ביהמ"ד)